אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### דער אויבערשטער באַראָט זיך מיט משה רבינו | אנטקעגן א רבי מובהק טאר מען נישט אפילו מיט רשות | בצלאל ווערט אויס תלמיד מובהק פון משה רבינו

**רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל מְלָאכָה (לא, ב -ג):** עס שטייט אין גמרא (ברכות נה.), דער אויבערשטער האט זיך באַראָטן מיט משה רבינו צו ער זאל אויפנעמען 'בצלאל' צו פירן די עבודת המשכן.

שטעלט זיך די שאלה, פארוואס האט דער אויבערשטער זיך געדארפט באַראָטן מיט משה רבינו?

עס ווערט גע'פסק'ענט אין 'שולחן ערוך' (יו"ד סימן רמ"ב ס"ד), א מענטש טאר נישט פסק'ענען א הלכה אַנטקעגן זיין רבי', איידער ער נעמט רשות פון זיין רבי'. און אַנטקעגן א 'רבי מובהק' (א רבי וואס רוב חכמה קומט פון אים), טאָר מען נישט אפילו אויב ער געבט רשות.

ווען עס איז געקומען צו אויפנעמען 'בצלאל' צו פירן די עבודת המשכן, איז געווען געוויסע זאכן וואס דורכאויס בויען די משכן וועט ער דארפן פסק'ענען אנטקעגן זיין רבי משה רבינו (עיי"ש בדברי רבינו).

דעריבער האט צוערשט אויסגעפעלט אז משה רבינו זאל נישט זיין דער 'רבי מובהק' פון בצלאל, דערפאר שטייט אין פסוק '**וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל מְלָאכָה**', דער אויבערשטער האט אָנגעפילט בצלאל מיט חכמה, אזוי אז רוב חכמה קומט פון דער אויבערשטער און נישט פון משה רבינו, און משה רבינו איז מער נישט דער 'רבי מובהק' פון בצלאל.

איינמאל וואס משה רבינו איז מער נישט דער 'רבי מובהק' פון בצלאל, און בצלאל ווערט פאַררעכנט ווי א בלויזע תלמיד, דעמאלטס העלפט שוין 'נטילת רשות', אז משה רבינו זאל געבן רשות פאר בצלאל צו פסק'ענען אנטקעגן אים.

דערפאר האט דער אויבערשטער זיך געדארפט באַראָטן מיט משה רבינו און אים פרעגן צו ער זאל שטעלן בצלאל, וואס דערמיט וועט משה רבינו געבן רשות צו פסק'ענען אנטקעגן אים, אזוי וועט בצלאל קענען בויען די משכן, ווייל איידער משה רבינו געבט רשות קען בצלאל גארנישט טון.

(פרשתינו אות ב')

### ערקלערונג אין שכר 'נחלה בלי מצרים' | מקטרגים האלטן אפ די מדת החסד פון זיך פארשפרייטן | אום שבת קענען נישט די מקטרגים געוועלטיגן

**וְאַתָּה דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם (לא, יג):** די גמרא אין מסכת שבת (דף קיח.), טוט גאר שטאַרק אויסלויבן אלע וואס זענען מכבד דעם שבת קודש.

די גמרא זאגט: '**כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים**'. דער וואס טוט נישט שפארן קיין געלט פארן שבת, און טוט מכבד זיין דעם שבת, באקומט באצאלט שכר אן קיין גרעניצן. אזוי ווי עס שטייט א פסוק אין נביא (ישעי' נח, יד), '**וְהַאֲכַלְתִּיךָ נַחֲלַת יַעֲקֹב אָבִיךָ**'. די שכר וואס מען באקומען וועט זיין 'נחלת יעקב'. אין די גמרא ערקלערט, נישט ווי די ברכה פון אברהם און יצחק, נאר 'נחלת יעקב' וואס אויף יעקב אבינו שטייט (בראשית כח, יד), **וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה**, וואס באדייט, שכר אן קיין גרעניצן.

שטעלט זיך די קשיא, וואס איז פשט אין די סארט שכר פאר דער מענטש וואס איז מכבד שבת קודש, ווי אזוי איז מעגליך צו געבן פאר א מענטש '**נחלה בלי מצרים**' - שכר אן קיין ענדע און אן גרעניץ?

לאמיר זאגן מען וועט אים געבן די גאנצע וועלט, אבער דאס האט דאך אויך א גרעניץ! און נאך דארף מען פארשטיין, אויב אסאך מענטשן וועלן מכבד זיין דעם שבת, ווי אזוי איז מעגליך צו געבן פאר יעדעם איינעם נחלה בלי מצרים?

מען קען נישט זאגן אז דער שכר פון 'נחלה בלי מצרים' גייט ארויף אויף שכר בעולם הבא, ווייל אויב אזוי וואס איז די חידוש אז ס'איז 'נחלה בלי מצרים'? דאס גאנצע שכר וואס מען באקומט אויף יענע וועלט איז שכר וואס האט נישט קיין גרעניצן. אויב אזוי וואס איז דער חידוש דוקא ביי דער וואס איז מענג את השבת?

❖❖❖

מען קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין ספרים, אז דער באשעפער איז א 'טוב ומטיב', די מדת החסד פונעם אויבערשטן וויל גוט'ס טון פאר די גאנצע וועלט, און עס וואלט זיך געדארפט פאַרשפרייטן אויף די גאנצע וועלט אן א שיעור און אן אן ענדע, אבער די 'מדת הדין' האַלט אָפּ דער חסד פון זיך פארשפרייטן.

אבער די מדת הדין קען נאר אפהאלטן ווען עס איז פאראן מקטרגים וואס זענען מקטרג אויף דער מענטש צוליב זיינע שלעכטע מעשים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואס עס האט פאסירט צו 'איוב' (איוב א, י'), **מַעֲשֵׂה יָדָיו בֵּרַכְתָּ וּמִקְנֵהוּ פָּרַץ בָּאָרֶץ**'. דאס פארמעגן און געלט פון איוב האט זיך פארמערט אויף אן אויסטערלישע וועג, און צוליב וואס דער שטן האט מקטרג געווען אויף אים, האט ער אַלצדינג פאַרלוירן.

די מקטרגים וואס זענען מקטרג אויפן מענטש, צו אוועקנעמען פון אים זיינע חסדים, פארמאגן בלויז א כח אויב א מענטש געבט זיך נאך זיין תאוות הגוף און גשמיות'דיגע הנאה, וואס דאס געבט כח און חיות פאר די מקטרגים צו שעדיגן דעם מענטש.

אבער אויב געבט מען זיך נישט נאך די תאוות הגוף, נאר מען טוט דברים רוחניים און הנאות פאר די נשמה, דאן האבן די מקטרגים נישט קיין רשות און מעגליכקייט זיך צו דערנענטערן צו דער מענטש און מקטרג זיין.

די המשך איז אין עמוד ב'

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים

## המשך אמרות שמשון

דאס איז אלעס דורכאויס די וואכן טעג, אבער און די גרויסער טאג פון שבת קודש דעמאלטס האבן די קליפות און מקטרגים בכלל נישט קיין שליטה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (ח"ב דף צג:).

לויט דעם קען זיין פשט אין פסוק (תהלים צב), **מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת**. א מזמור פאר די טאג פון 'שבת', די טאג וואס די מזיקים רוען און האבן נישט קיין שליטה אויפן וועלט.

❖❖❖

מיט דעם קען מען מסביר זיין די אויבנדערמאנטע גמרא, **כל 'המענג' את השבת**, עס שטייט נישט כל 'השומר' את השבת, ווייל די עיקר כוונה פון די גמרא איז אויף 'עונג שבת' וואס איז א הנאה פארן גוף, וואס די זעלבע הנאה אינמיטען וואך געבט כח פאר די קליפות, אבער ווען עס קומט שבת קודש באקומען זיי נישט פון דעם קיין כח און חיות.

מיט דעם פארשטייט מען, ווען עס קומט שבת אויפן וועלט האט די מדת הדין נישט קיין רשות זיך צו מתגבר זיין אויף די מדת החסד און אפהאלטן די חסד פון זיך פארשפרייטן אויפן וועלט.

דאס איז פשט אין גמרא, אז שבת באקומט מען 'נחלה בלי מצרים' וויבאלד די מקטרגים קענען נישט אפהאלטן די מדת החסד פון זיך פארשפרייטן, און די השפעות פון חסד פארשפרייטן זיך אויף די גאנצע וועלט אָן קיין אָפּהאַלט פון די מקטרגים.

(פרשתינו אות ז')

### ערקלערונג אין דאפעלטע לשון 'את השבת' | די צוויי מלאכים וואונטשן פאר די קומענדיגע וואך שבת

**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם (לא, טז):** מען קען מסביר זיין דער טעם פארוואס עס שטייט צוויי מאל אין פסוק די לשון **'את השבת'**. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שבת קיט:), א מענטש וואס איז געוואָרנט אין כבוד שבת, ווען עס קומט שבת ביינאכט, באגלייטן אים צוויי מלאכי השרת, א גוטע מלאך און א שלעכטע מלאך, אויב איז זיין שטוב שיין אנגעגרייט פארן שבת קודש, וואונטש דער גוטע מלאך פארן מענטש: **יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך**. ער זאל זוכה זיין דעם קומענדיגע שבת צו טון דאס זעלבע זאך. און דער שלעכטע מלאך מוז ענטפערן אמן.

לויט דעם קען מען אריינטייטשן אין פסוק, **'ושמרו בני ישראל את השבת'** - אויב וועט מען אפהיטן דעם שבת, איז מען זוכה צו די ברכה פון דער מלאך, **'לעשות את השבת'** - צו קענען טון דאס זעלבע קומענדיגע שבת.

(פרשתינו אות ו')

❖❖❖

## גבורת שמשון

### סיפורי ישועה

**פארפלאנטערט מיט פרנסה | דאגה בלב איש ישחנה | איין ישועה ברענגט א צווייטע ישועה | געהאלפן געווארן צוויי וואכן נאכן קבלה**

**עס פארציילט הרב ר. מ. הי"ו:**

פאר א לענגערע תקופה האב איך זיך שטארק געמוטשעט מיט פרנסה, וואו אימער איך האב פראבירט אריינצולייגן א פינגער האט מען מיר געוויזן א האנט, דאס האט שטארק אפעקטירט מיין פערזענליכע צושטאנד, און דאס צושטאנד פון מיין פאמיליע.

נאך א לענגערע צייט פון אפקומעניש פון זוכן דזשאב'ס, האב ענדליך געטראפן עפעס א דזשאב וואס ס'איז נישט געווען אזוי צוגעפאסט פאר מיר צוליב פארשידענע סיבות - מיט דעם אליין'ס וואלט איך זיך נאך מסדר געווען - דער הויפט פראבלעם איז געווען, אז די ארבעט'ס ארט איז געווען זייער ווייט, כדי אנצוקומען האט איך געמוזט פארברענגען אסאך שעות פון זיך וואלגערן אויף די פארנומענע רוישיגע גאסן.

נישט נאר דאס, דאס געהאלט איז אויך נישט געווען קיין גרויסע, דאס האט קוים געקלעקט צו שפייזן מיין פאמיליע פאר די מינימאלע געברויכן, אזוי אז די פסוק (בראשית ג, יט) **בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם** האט געמיינט ביי מיר כפשוטו, ארבעטן זייער שווער, און דאס ביסל וואס מ'פארדינט איז בלויז גענוג פאר אביסל ברויט.

אזוי איז אריבער אויף מיר זייער א שווערע תקופה, וואס אין א געוויסע זין איז דאס געווען שווערער פון נישט האבן פרנסה בכלל, כ'האב געשפירט ווי איך ארבעט איבער מיינע כוחות, און די רעזולטאטן זענען נישט אייניג.

איין טאג האב איך באגעגנט א אלטע ידיד, און איך האב אים פארציילט מיט ווייטאג מיין צושטאנד, און די שוועריקייט וואס איז גיי אריבער.

**מיין ידיד הערט מיר אויס, נעמט ער מיר צו א ווינקל און פאנגט אן מיר אן צו פארציילן א פערזענליכע איבערלעבעניש וואס האט מיט אים פאסירט.**

**און ער פארציילט:**

'איך האב שוין געהאלטן העכער זעקס יאר נאך מיין חתונה, און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט זש"ק. מ'האט אנגעהויבן צו לויפן צו פארשידענע דאקטורים און פראפעסארן, אבער מ'איז נישט אנגעקומען צו אן ענדגילטיגע לעזונג.

דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן דאס פארשפרייטונג פון די סגולה 'זרע שמשון', וואס דער מחבר זי"ע זאגט צו פאר די וואס וועלן לערנען זייערע ספרים, זיי וועלן געבענטשט ווערן מיט 'בני חיי ומזוני'.

איך זיך דאן אונטערגענומען צו לערנען דעם הייליגן ספר 'זרע שמשון' און ב"ה איך בין געהאלפן געווארן נאך אין יענעם יאר מיט א לעבטיג געזונטע קינד קע"ה.

דעריבער - פירט ער אויס - אויב די סגולה האט געהאלפן פאר מיט 'בני' וועט דאס אויך העלפן פאר דיר מיט 'מזוני', דעריבער וואלט איך דיר געראטן צו קובע זיין א לימוד אינעם ספר 'זרע שמשון', און איך בין גאנץ זיכער מיט מיר אז דו וועסט בס"ד מצליח זיין זיך ארויסצודרייען פון דיין פלאנטער, און זאכן וועלן זיך בס"ד שטעלן אויפן ארט, אויף די בעסטע פארנעם.

פארציילט הרב ר. מ. - נאכן הערן אזעלכע קלארע און דייטליכע ווערטער, האב איך גלייך גענומען די זאך אין האנט אריין, איך האב זיך קובע געווען צו לערנען יעדן טאג א שטיקל פונעם ספר 'זרע שמשון', וואס זאל זיין פאר מיר א זכות צו געהאלפן ווערן מיט פרנסה בניקל מתוך הרחבה.

**ולא יאומן כי יסופר:** עס לאזט זיך נישט גלייבן ווי אזוי זאכן האבן זיך געפירט, אויף א וואונדערליכע וועג האב איך בלויז צוויי וואכן שפעטער באקומען א פארשלאג פון גאר א פאסיגע ארבעט, וואס האבן מיר אנגענומען. צוגאב איז דאס זייער נאנט צו מיין וואוין ארט. און איבער אלע מעלות, איז דאס געהאלט מער ווי דאפעלט פון מיין פריערדיגע געהאלט וואס איך האב באקומען ביז יעצט, זכותו יגן עלינו.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

**אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'**

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**